**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע באשטימונגען**

***גאווערנער באנייט טאוועלן אין עהרע פון ראבערט מולינער און ראבערט לואיס, קרבנות פון לינטשעס אין ארענדזש קאונטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט באשטימונגען צו די 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע (400 Years of African-American History Commission) וואס דינט צו ברענגען אויפמערקזאמקייט צו ביישטייערונגען פון אפריקאנער און אפריקאנער-אמעריקאנער צו אונזער לאנד און צו ניו יארק סטעיט. די גאווערנער האט געמאכט דעם אנאנס אין ניובורג, וואו זי האט אויך אנאנסירט אנדענק טאוועלן אין עהרע פון ראבערט מולינער און ראבערט לואיס, צוויי קרבנות פון ראסיסטישע לינטשעס אין ארענדזש קאונטי. ראבערט מולינער איז דערמארדעט געווארן אין ניובורג אין 1863, און ראבערט לואיס איז דערמארדעט געווארן אין פארט דזשערוויס אין 1892.

"פאר יעדע דערמאנונג פון די הויפט ראלע וואס ניו יארק האט געשפילט אין דעם קאמף פאר ציווילע רעכטן, איז דא אן אנדערע, מער ווייטאגליכע דערמאנונג פון פארוואס דער קאמף האט אויסגעפעהלט לכתחילה", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר מוזן אנערקענען און איינזעהן שאנדליכע קאפיטעלן אין אונזער סטעיט'ס פארגאנגענהייט, פארזיכערן אז ניו יארקער האבן א בעסערע פארשטאנד פון אונזער היסטאריע און באקעמפן ראסיזם און דיסקרימינאציע אין יעדע פארעם. דעם טונקל-הויטיגע היסטאריע חודש איז עס מיר א כבוד צו באנייען די טאוועלן און צו באשטימען די זיבן פירער צו די 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע. די שריט וועלן אונז העלפן פארשטיין אונזער היסטאריע בעסער בשעת'ן אונז שטופן צו פארזעצן צו מאכן פארשריט."

**ליוטענאנט גאווערנער בענדזשאמין האט געזאגט,** "די פירער וואס מיר באשטימען היינט צו די 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע זענען טייל פון די שארפסטע און מערסט איבערגעגעבענע פובליק בעאמטע וואס די לאנד האט געזעהן אין די היסטאריע. זיי זענען די מערסט פאסיגע מענטשן צו העלפן באשליסן וויאזוי ניו יארק קען דאס בעסטע אנערקענען די היסטאריע פון ראסיזם אין אמעריקע, און צו זיך פארשלאגן פלענער וויאזוי צו פייערן טונקל-הויטיגע היסטאריע אזוי ווי מיר מארשירן פאראויס אריין אין א מער אינקלוסיווע צוקונפט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן מאכן די באשטימונגען א פריאריטעט פון איר אדמיניסטראציע."

אריינגייענדיג אין א שותפות מיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, וועט די 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע צוזאמברענגען מענטשן דורך געשעענישן, אקטיוויטעטן און אויפקלערנדע פארשונגען. דער קאמיסיע וועט באשטיין פון זיבן מענטשן וועלכע ווערן באשטימט דורך די גאווערנער, דעם סטעיט סעקרעטאר אדער איינער וואס איז באפולמעכטיגט געווארן דורך זיי, דעם עדזשוקעישען קאמישאנער אדער איינער וואס איז באפולמעכטיגט דורך זיי, צוויי מיטגלידער באשטימט דורך דעם צייטווייליגן פרעזידענט פון די סענאט, צוויי מיטגלידער באשטימט דורך דעם אסעמבלי

ספּיקער, איין מיטגליד באשטימט דורך דעם סענאט מינאריטעט פירער און איין מיטגליד באשטימט דורך דעם אסעמבלי מינאריטעט פירער.

גאווערנער האקול'ס באשטימטע רעכענען אריין:

**דר. העיזעל דיוּקס:** דיוּקס איז פרעזידענט פון די NAACP ניו יארק סטעיט קאנפערענץ און א מיטגלידערין פון די NAACP עקזעקיוטיוו קאמיטע. דיוּקס איז פרעזידענט פון די Hazel Dukes Consulting Firm. דיוּקס האט באקומען איר BA פון Adelphi, און זי האט פארענדיגט אירע גראדואירונג-נאכפאלגנדע ארבעט ביי קווינס קאלעדזש.

**דר. לאורי וואָדאַרד:** וואָדאַרד איז א היסטאריע/טונקל-הויטיגע שטודיעס פראפעסארין ביי CCNY. איר פארשונג איז קאנצענטרירט אויף די געביטן וואו די קולטורישע און פאליטישע וועלטן קומען זיך צוזאם און זי באנוצט זיך מיט פילפאכיגע מעטאדן, לערנענדיג פון שטודיעס איבער ערדייכונגען, קריטישע ראסע טעאריע און פרויען און דזשענדער שטודיעס. זי האט באקומען די National Endowment for the Humanities Schomburg Scholar-in-Residence פעלאָושיפּ און די Sylvia Arden Boone פרייז. איר ארבעט האט ערשיינט אין די ניו יארק טיימס און אין American Quarterly. זי האט געוואונען אין 2018 די National Endowment for the Humanities Faculty Award, און זי פארענדיגט יעצט א שריפט איבער די לעבן און ארבעט פון ארטיסט און ציווילע רעכטן אקטיוויסט פרעדי וואשינגטאן.

**דר. הענרי טעילאר:** טעילאר איז א פראפעסאר ביי די באפעלאו אוניווערסיטעט וואו ער קאנצענטרירט זיך אויף היסטארישע און מאדערנע אנאליזן פון אנגעלעגנהייטן ארום די טונקל-הויטיגע און לאטינאָ קאמיוניטיס. אין זיין פעלד, קאנצענטרירט זיך טעילאר'ס פארשונג אויך אויף די אנגעלעגנהייטן פון קיוּבא, די קאריביען אינזלען און לאטיין אמעריקע. צום לעצט, איז טעילאר פארנומען מיט דאס אנטוויקלען פונדאסניי שטעט און מעטראפאלין שטעט וועלכע ציהען זיך איין, זיך קאנצענטרירנדיג אויף געזעלשאפטליכע, עקאנאמישע און ראסישע אומגערעכטיגקייט. ער האט א BS דעגרי פון Tennessee A&T State, אן MS דעגרי פון טענעסי אוניווערסיטעט און אן MA און PhD פון SUNY באפעלאו.

**דר. ען סי. בעילי:** ען סי. בעילי איז א שרייבערין, היסטאריקער און א פראפעסארין פון היסטאריע ביי SUNY בינגהעמטאן. בעילי איז איבערגעגעבן צו דעם קאנצעפט פון "לעבעדיגע היסטאריע" אין וועלכע פארגאנגענע געשעענישן זענען פארבינדן צו יעצטיגע און מאדערנע אנגעלעגנהייטן. זי איז אויך פארנומען מיט דאס זיך איבערבעטן מיט קאמיוניטיס נאך יארן-לאנגע קאנפליקטן ווי קנעכטשאפט, מלחמה און מארד.

**דר. קישי דוּקרעי:** דוּקרעי איז אן אסאָסיעט דין פאר פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און אריינגעמונג ביי סירעקיוס אוניווערסיטעט. דוּקרעי איז א שרייבערין פון צוויי ביכער דוּקרעי'ס ערשטע בוך איז געווען איבער דזשענדער, ראסע און גערעכטיגקייט אין סירעקיוס. איר נאכפאלגנדע פארעפענטליכונג איז קאנצענטרירט אויף ענווייראמענטאלע און עסן גערעכטיגקייט און די פארבינדונג צו די סקול-צו-טורמע טונעל. דוּקרעי האט באקומען איר PhD פון מישיגען אין 2005, און זי האט אנגעהויבן אויסלערנען אין סירעקיוס קורצליך דערנאך. דוּקרעי האט א MA דעגרי פון מערילענד.

**דזשעניפער דזשאָונס אוסטין:** דזשאָונס אוסטין איז די CEO פון די פעדעראציע פאר פראטעסטאנטישע וואוילזיין אגענטורן (Federation of Protestant Welfare Agencies). אלץ CEO, קאנצענטרירט זיך אוסטין אויף אנטי-ארימקייט, פאליסי און שתדלנות פאר אן ארגאניזאציע וואס באשטייט פון 170 ארגאניזאציע מיטגלידער און רעליגיעזע ארגאניזאציע שותפים. דזשאָונס אוסטין איז באזונדערס באקאנט פאר ארבעט צו פארמערן די פארשטאנד איבער די פארבינדונג צווישן ראסע, ארימקייט, געזעץ און געזעלשאפטליכע פאליסי אין אמעריקע. בעפארן ווערן CEO האט דזשאָונס אוסטין

געדינט אלץ סיניאר וויצע פרעזידענט פון די פאראייניגטע וועג פון ניו יארק סיטי (United Way of New York City). אין צוגאב צו דאס אלעס האט דזשאָונס אוסטין ערפארונג מיט סטעיט און לאקאלע רעגירונגען. דזשאָונס אוסטין איז געווען דעפּיוטי קאמישאנער פון די NYC אדמיניסטראציע פאר קינדער סערוויסעס (NYC Administration for Children Services) און א ציווילע רעכטן דעפּיוטי ביורא טשיעף אין די אטוירני דזשענעראל'ס אפיס. דזשאָונס אוסטין איז די שרייבערין פון *Consider it Joy* (זעהט דאס אלץ פרייד), א בוך וואס דעקט אויף איר פערזענליכע בליק אויף לעבנס-דראהענדע קראנקייט און וויאזוי עס איז איבערגעקומען געווארן. דזשאָונס אוסטין האט א BA דעגרי פון ראָטגערס, אן MA פון NYU און זי האט ערהאלטן איר JD דעגרי פון פארדהעם געזעץ סקול.

**דזשוי ביווינס:** ביווינס איז די דירעקטארין פון די Schomburg Center אין ניו יארק סיטי. ביווינס איז באשטימט געווארן אלץ דירעקטארין פאר די Schomburg אין 2021. בעפאר דעם האט ביווינס געארבעט ביי די Schomburg אלץ אסאָסיעט דירעקאטארין פון זאמלונגען און פארשונג סערוויסעס. ביווינס איז די ערשטע פרוי צו אנפירן די Schomburg זינט דזשין היוּסטאן האט אראפגעטרעטן אין 1980. בעפארן זיך אנשליסן אין די Schomburg האט ביווינס געדינט אלץ טשיעף אויפהאלטערין פון די אינטערנאציאנאלע אפריקאנער-אמעריקאנער מוזעאום (International African American Museum) אין טשארלסטאן, סאוט קעראליינע. זי האט צוגעשטעלט אינהאלט און געדאנקען פאר דעזיין פאר די אויסשטעלונגען מיט וועלכע די מוזעאום איז געעפנט געווארן. בעפאר די IAAM איז ביווינס געווען די דירעקטארין פון אויפהאלטונג אנגעלעגנהייטן ביי די טשיקאגו היסטאריע מוזעאום (Chicago History Museum), וואו ביווינס האט אויפגעזעהן און אנגעפירט די מאנשאפט פון אויפהאלטער און היסטאריקער. ביווינס האט אנגעהויבן איר קאריערע אלץ אויסשטעלונג דעוועלאפער פון טשיקאגו היסטאריע מוזעאום'ס צענערלינג טשיקאגו (Teen Chicago) פראיעקט. ביווינס האט א MA דעגרי פון קארנעל און א BA פון מישיגען.

**קאנגרעסמאן שאן פּעטריק מעלאָוני האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר פייערן די שטאנדהאפטיגקייט און אויסגעצייכנטקייט פון טונקל-הויטיגע אמעריקע, איז עס קריטיש צוריקצוקוקן אויף אונזער היסטאריע מיט אן אמת, אפילו אויף די טונקלסטע קאפיטלען, און אדרעסירן די טראדיציעס פון ראסיזם קעגן טונקל-הויטיגע אמעריקאנער אין די צייט וואס מיר קעמפן פאר א מער יושר'דיגע לאנד. עס איז מיר געווען א כבוד צו אנטייל נעמען אין די היינטיגע געשעעניש מיט גאווערנער האקול און מיט מעיאר האַרווי צו געדענקען די מאכטפולע היסטאריע דא אין ניובורג און צו ארויסווייזן די וויכטיגע ארבעט פון די 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע."

**סענאטאר לירוי קאַמרי האט געזאגט,** "איך באגרוס גאווערנער האקול'ס באעהרטע 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע באשטימונגען. ווען איך האב געשריבן די געזעץ צו אויפשטעלן די קאמיסיע, האב איך זיך אויסגעמשל'ט א גרופע פון ניו יארקער וועלכע זענען געזעלשאפטליך פארמישט און מיט אן אייפער צו אויפהייבן אפריקאנע-אמעריקאנע היסטאריע. די קאמיסיע באשטימונגען וואס גאווערנער האקול אנאנסירט הייט ערפילן די חזון. אזוי ווי די קאמיסיע לאזט זיך ארויס אויפן וועג צו פלעגן קשרים מיט קאמיוניטיס און אין גאנץ ניו יארק סטעיט, קוק איך ארויס צו דינען אלץ א שותף צוזאמען מיט קאמיוניטי ארגאניזאציעס וועלכע זענען איבערגעגעבן צו אויפקלערן און מאכן אפריקאנע-אמעריקאנע היסטאריע לעבעדיג נאכאמאל."

**אסעמבלי מיטגליד טעילאר דארלינג האט געזאגט,** "איך בין גאר פרייליך אז גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו דאס אנערקענונג און אפלערנען אפריקאנע-אמעריקאנע היסטאריע. איך ווי אנערקענען מיין ברודער אין פירערשאפט און דעם געזעץ'ס סענאט ספאנסאר, סענאטאר לירוי קאַמרי. דער געזעץ איז איינס פון די וויכטיגסטע געזעצן וואס איך האב געהאט די כבוד צו ספּאנסארן אין די ניו יארק סטעיט אסעמבלי. אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו פארענדיגן די ליסטע פון מיטגלידער פאר די 400 יאר פון אפריקאנער-אמעריקאנער היסטאריע קאמיסיע, דערנענטערן מיר זיך צו טוהן דאס וואס איז ריכטיג און

וואס מיר האבן שוין פון לאנג געדארפט טוהן. אפריקאנע-אמעריקאנע היסטאריע איז אמעריקאנע היסטאריע, און דאס זיך נישט ערהוילן פון דעם וועט זיכער מאכן אז די געוואלדיגע סטעיט עררייכט איר פולע פאטענציאל. פילע פון די היינטיגע אנגעלעגנהייטן וועלכע באטרעפן די אפריקאנ-אמעריקאנע קאמיוניטי זענען א רעזולטאט פון אונזער קנעכטשאפט ביים אנטוויקלען און בויען די רייכטום וואס איז דא אין אמעריקע. איך קוק ארויס צו די געוואלדיגע ארבעט פון די קאמיסיע אזוי ווי מיר שטעלן אהער עכטע לייזונגען צו מאכן פארשריט מיט די ערליכע און באזייטיגטע קאמיוניטי."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov



זיך ארויסשרייבן